# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת ויקרא

ז' ניסן תשפ"א

יאר 1 גליון 18

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - רחל לאה ראטה



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין מאמע זאל שוין אהיימקומען מיט אונזער נייע פיצי בעיבי און די אייבערשטער האט געהאלפן אז מיין מאמע איז שוין אהיימגעקומען!

### ערשטע קלאס - לאה'לע יאקאבאוויטש



ס'איז שוין געווען זייער שפעט און איך האב מורא געהאט אז איך וועל פארפאסן די ווען, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס נאך כאפן און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געכאפט און איך האב געקענט אנקומען פרי אין סקול.

### צווייטע קלאס - עטי בלום



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין צו מיין באבע'ס הויז איר באזוכן און פרייליך מאכן, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט גיין צו איר הויז!

### פערדע קלאס - חיל'ע לעזער



איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען פארן אויף אומאן צו די הייליגע רבי'ס ציון און צו די חתונה פון מרת דעפריס, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט גיין!

### עלטסטע קלאס - רחל'ע



שוין זייער לאנג וואס איך בעט די אייבערשטער אז מיין ברודער זאל ווערן א חתן, און ש'כח אייבערשטער אז מיין ברודער איז געווארן א חתן, מזל טוב!

### בית פיגא ליבערטי - גאלדי בוים



אונז האבן געמאכט א תהלים סיום אין סקול, און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין טאטע זאל אהיימברענגען אייז קרים פאר די סיום, און ש'כח אייבערשטער ער האט אהיימגעברענגט און איך האב געקענט טראגן צו סקול אייז קריעם פאר די סיום, ש'כח אייבערשטער

## נייעס אין בית פיגא

~ די וואך איז פארגעקומען צווי הערליכע חתונות אין ישיבה, עס איז געווען די 23'סטע און 24'סטע חתונה אין ישיבה. זונטאג איז געווען די חתונה פון בלימי פארקאש (הורוויץ) און דינסטאג איז געווען די חתונה פון זיסי בליקזילבער (קליין).ביידע חתונות זענען געווען זייער פרייליכע חתונות, און די מיידלעך פון סקול האבן משמח געווען און פרייליך געמאכט די כלה.

~ מזל טוב! מזל טוב! ש'כח אייבערשטער אז עס איז דא נאך א כלה אין סקול! אסתר פראדי זעליקאוויטש איז געווארן א כלה די וואך דינסטאג, ש'כח אייבערשטער! אלע מיידלעך פרייען זיך מיט די שמחה! ש'כח אייבערשטער!

~ די וואך דינסטאג איז געווען די לעצטע טאג סקול פאר פסח, פאר די עלטסטע קלאס. יעצט וועלן די מיידלעך קענען אויספירן דעס וואס מען לערנט אויס אין סקול, צו העלפן די מאמע מיט א שמחה, נישט נאר נאך סקול נאר א גאנצן טאג.

# פון אונזערע לעררינס...

**לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'**

גוט מארגן! גוט מארגן! זאג יעצט, **"ש'כח אייבערשטער פאר מיך אויפוועקן געזונט און פריש! באשעפער איך געב יעצט איבער מיין גאנצע טאג פאר דיך, פון יעצט ביז איך גיי שלאפן, העלף מיר אז אלעס זאל זיין גוט, איך זאל נאר טוען וואס דו ווילסט, איך זאל קענען מכבד זיין מיין טאטע און מאמע, און די עיקר איך זאל קענען היינט זיין זייער פרייליך."**

די הייליגע רבי האט אונז אויסגעלערנט די סוד ווי אזוי מען קען האבן א גליקליכע טאג, דורך איבערגעבן די גאנצע טאג פאר דער אייבערשטער. אזוי דארף מען זיך שוין גארנישט רעגן אדער אויפעסן אויב עפעס גייט נישט גוט ווייל אלעס טוט דאך סיי ווי דער אייבערשטער.

אדל די טאכטער פון די הייליגע בעל שם טוב איז געווען זייער א גרויסע צדיקת און איר טאטע דער בעל שם טוב האט איר זייער שטארק ליב געהאט. ווען די תלמידים פון די רבי האבן אים געפרעגט פארוואס אדל איז געווען אזוי באליבט, האט ער געענטפערט אז זי איז שטענדיג ארומגעגאנגען טראכטנדיג, **"וואס קען איך טוען צו מאכן א נחת רוח פאר דער אייבערשטער?"**

מיין טייערע תלמידה, דו קענסט אויך זיין אזא צדיקת! היינט א גאנצן טאג פרוביר צו טראכטן, וויאזוי קען איך מאכן א נחת רוח פאר השי"ת? ווען עס קומט דיך אונטער א נסיון, דיין מאמע בעט דיך צו טון אזויפיל זאכן וואס דו האסט נישט אזוי ליב צו טון, און דו ווילסט ענדערש גיין שאפינג מיט פרענדס, טראכט פון די צדיקת אדל, און פאר די איין מאל טראכט וואס וויל דער אייבערשטער פון מיך? (נעקסטע מאל, זאלסטו אויך טראכטן אז נאר די איין מאל...) און אויב דו ביסט דורכגעפאלן און האסט פארגעסן, און נישט געטון עפעס ווי עס דארף צו זיין זאלסטו נישט יעצט אויפהערן און טראכטן, מארגן וועל איך שוין זיין גוט. ניין! דווקא היינט וועל איך אנהייבן פון יעצט צו זיין דרך ארץ'דיג און העלפן מיט א שמייכל. (העלפן און שמייכל מוזן אייביג גיין צוזאמען ווייל אן א שמייכל הייסט עס נישט קיין העלפן...)

פרוביר פאר היינט אפצולאזן דיין חבר'טעס וואס זוכן דיך נאר ארויסצושלעפן אין גאס, שאפינג, שפאצירן, גיין צו די פיצא און אייז קריעם סטאר... עס איז נישט גוט ארומצולויפן, א מיידל באלאנגט אינדערהיים און אויב מען דארף עפעס גייט מען ארויס. אבער היינט איז א נייע זאך געווארן אז בלייבן אינדערהיים איז נעבי און באורינג און די מיידלעך וואס גייען אייביג ארויס צוזאמען זענען שטיקי און פאן. געדענק! אונז לעבן אין א פארקערטע וועלט, וואס עס זעט אויס גוט דא אונטן, איז בכלל נישט חשוב ביים אייבערשטן און פארקערט א מיידל וואס האט ליב צו זיין אינדערהיים און העלפן און מאכן פרייליך זיך און די גאנצע משפחה, זי איז חשוב ביים באשעפער. ווען דו דארפסט יא ארויסגיין, געב אכטונג אויף צניעות. אלעמאל דארף זיך א מיידל אכטונג געבן וויאזוי זי רעדט און וויאזוי זי זעט אויס ווען זי גייט ארויס. יעצט איז בין הזמנים און די גאסן זענען פול מיט בחורים און מענער, דארף מען מער אכטונג געבן צו זיין איידל, גיין אין די זייט ווען א מאן קומט. ווען מיידלעך גייען פארברענגען אין געשעפטן, נאכדערצו וואו מען זעצט זיך אריין עסן, און בחורים און מענער זיצן אויך דארט, געוויינטליך ברענגט עס נישט קיין גוטע זאכן. א קלוגע מיידל פרובירט אוועקצושטיין פון אזעלכע פלעצער (איך רעד נישט אויב דו נעמסט ענקער קינדער עסן נאכטמאל.) געדענק אז אפילו עפעס זעט אויס אויף די מינוט פרייליך, דארף מען אייביג טראכטן, "וואס וויל דער אייבערשטער?" אויב דו וועסט זיך אזוי פירן וועסטו האבן א פרייליכע טאג און **בעט אסאך דער אייבערשטער פאר א פרייליכע רואיגע ערב פסח און יום טוב!**

**א כשר'ע און פרייליכע יום טוב!**



**א גוט שבת!**

זמן שבת: 6:52

זמן מוצש"ק: 8:21



**קוואל פון חיזוק**

212-444-9169

געזוטע חבר'טעס...

הערט א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א

2,3,3,108

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

**... תחי׳.**
איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

שטארקט אייך ווייטער מיט אמונה אינעם אייבערשטן; דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן לג): ״אֶצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, **ביי די וועלט איז אמונה א קלייניקייט, אבער ביי מיר איז דער עיקר אמונה,** ״וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים״, אן קיין חקירות און אן קיין חכמות, נאר פשוט אזוי ווי פרויען און פשוט׳ע מענטשן גלייבן; ווי אזוי איז מען זוכה צו א קלארע אמונה? דורך דעם וואס מען רעדט פון אמונה, אזוי זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן מד): ״הָאֱמוּנָה תְּלוּיָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם״, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״; ווי מער א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן פונעם אייבערשטן, אלץ שטערקער ווערט אין אים איינגעבאקן די אמונה.

**וואס איר דארפט זאלט איר נאר בעטן פונעם אייבערשטן וועט איר זען ניסים און וואונדער וואס דער אייבערשטער וועט טון מיט אייך.**

בנוגע אייערע עלטערן וכו׳; חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ירושלמי, פאה א, א) אז דער הייליגער תנא רבי טרפון, ווען ער פלעגט זען ווי זיין מאמע גייט שבת שפאצירן אין איר חצר פלעגט ער זיך אראפ לייגן אויף דער ערד און לייגן זיינע הענט אונטער אירע פיס און איר זאגן: ״מאמע, טרעט אויף מיר״, און אזוי איז ער געגאנגען מיט איר ביז זי איז אנגעקומען צו איר בעט. איינמאל איז רבי טרפון נישט געזונט געווארן, ווען די חכמים זענען געקומען אים מבקר חולה זיין האט זיין מאמע זיי געזאגט: ״זייטס מתפלל פאר מיין זון ער זאל געזונט ווערן, ווייל ער איז מיר מכבד מער וויפיל מען דארף״, האבן זיי איר געפרעגט וואס ער טוט, האט זי זיי דערציילט אז ער לייגט אונטער זיינע הענט אז זי זאל קענען גיין וכו׳, האבן די חכמים געזאגט: ״אפילו ער זאל דיר טון טויזנט מאל טויזנט מער ווי ער טוט דיר יעצט, האט ער נאך נישט מקיים געווען די מצוה אזוי ווי עס דארף צו זיין״; זעט מען פון דעם ווי שטארק מען דארף זיין נזהר אין די מצוה.

דעריבער זאלט איר אכטונג געבן נישט צוריק צו ענטפערן פאר זיי; אפילו מען שרייט אויף אייך, אפילו מען אנערקענט אייך נישט און מען קריטיקירט אייך שטענדיג - **דאך זאלט איר חס ושלום נישט ענטפערן פאר אייערע עלטערן.** אין דעם זכות וואס איר וועט מכבד זיין אייערע עלטערן וועט אייער ברודער א חתן ווערן און אייער שוועסטער א כלה ווערן, און נאכדעם וועט איר אויך טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

**זעט צו זאגן יעדן טאג תהילים ווייל אין תהילים ליגן אלע ישועות.**

זייט ממשיך מיט פארשפרייטן די עצות פון רבי׳ן פאר מיידלעך און פרויען.

# רעסעפי

**nut cookies פסח'דיג**



**2 eggs**

**½ c sugar**

**3 c ground almonds** (or any other nut)

**Preheat oven 350°. Mix all ingredients. Scoop onto lined cookie sheet. Bake for 15 – 20 minutes.**

**נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!**

# איך העלף מאכן פסחדיג...



# מזל טוב

**בית פיגא וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר:**

**בלימי פארקאש** (הורוויץ)

**צו איר חתונה!**

**זיסי בליקזילבער** (קליין)

**צו איר חתונה!**

**אסתר פראדי זעליקאוויטש**

**צו איר שידוך!**

**רחלע שניטצלער**

**איר ברודער איז געווארן א חתן!**

**בלימי און חמי זעליקאוויטש**

**זייער שוועסטער איז געווארן א כלה!**

**מלכה שטראססער**

**צו איר נייע אינגל בעיבי!**

**רחי ברוין**

**צו איר שידוך!**

# ספר המדות ווינקל

**אות ארץ ישראל**

ג. עַל-יְדֵי הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁאָדָם מִשְׁתּוֹקֵק לְבִיאַת אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל, עַל-יְדֵי-זֶה נִשְׁפָּע פַּרְנָסָה גְּדוֹלָה.

דורכדעם וואס א מענטש בענקט צו קומען צו ארץ ישראל, דורכדעם באקומט ער א גרויסע פרנסה.

ד. מִי שֶׁהוּא מְפַרְנֵס אֶת הָרַבִּים, עַל-יְדֵי-זֶה מַמְשִׁיךְ הַבְּרָכָה מֵאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל לְחוּץ לָאָרֶץ.

ווער עס געבט פרנסה פאר אסאך מענטשן, דורכדעם ברענגט ער די ברכה פון ארץ ישראל צו חוץ לארץ.